**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/7/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול בעט גרויסע דיזעסטער דעקלעראציע צו פארזיכערן פעדעראלע הילף פאר געמיינדעס וואס זענען באטראפן געווארן פון טראפישע שטורעם דעבי פון אויגוסט 8-10**

***אויב נאכגעגעבן, וועט די דעקלעראציע צושטעלן פעדעראלע הילף פאר אלעגאני, ברום, דעלאווער, עסעקס, פרענקלין, דשעפערסאן, אנטאריא, סטויבען, סט. לאורענס און יאטעס קאונטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געבעטן א גרויסע דיזעסטער דעקלעראציע פון פרעזידענטביידען צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג באמיאונגען פון געמיינדעס וואס זענען באטראפן געווארן פון די שווערע וועטערן פאראורזאכט דורך די איבערבלייבענישן פון טראפישע שטורעם דעבי וואס האט פאסירט אויגוסט 8 - 10,2024. אויב נאכגעגעבן, דורך די פעדעראלע רעגירונג, וועט די דעקלעראציע צושטעלן פעדעראלע געלטער פאר אלעגאני, ברום, דעלאווער, עסעקס, פרענקלין, דשעפערסאן, אנטאריא, סטויבען, סט. לאורענס און יאטעס קאונטיס צו דעקן ברוכווארג רייניגונג, נויטפאל באשיצונג מאסנאמען און פאריכטונגען צו פאבליק געביידעס און אינפראסטרוקטור.

"נאך וואס טראפישע שטורעם דעבי האט פאראורזאכט וויטפארשפרייטע שאדן דורכאויס ניו יארק סטעיט, בעט איך אן עמערדזשענסי דעקלעראציע פון אונזערע פעדעראלע פארטנערס צו ברענגען הילף צו געמיינדעס אין נויט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר מוזן צושטעלן פארלייכטערונג צו געגנטער באטראפן דורך די שטורעם, און מיין אדמיניסטראציע וועט נעמען יעדע שריט נויטיג צו פארזיכערן זיין שנעלע און פולע ערהוילונג."

א גרויסע דיזעסטער דעקלעראציע טוט פארזיכערן פינאנציעלע הילף פון די פעדעראלע רעגירונג, ספעציעל דורך FEMA'ס פאבליק הילף פראגראם, צו צושטעלן פאנדינג פאר לאקאלע רעגירונגען, און בארעכטיגטע נאן-פראפיטס פאר ברוכווארג רייניגונג, באשיצנדע מאסנאמען, און פאריכטונגען צו פאבליק געביידעס און אינפרעסטרוקטור, אריינגערעכנט שאסייען, בריקן, וואסער און אפפאל באהאנדלונג אנשטאלטן, קריטישע אינפראסטרוקטור ערטער, שולעס, שפיל פלעצער און אנדערע אנשטאלטן.

נאכפאלגנדיג א קאטאסטראפע, ארבעט די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אפעס פון דיזעסטער ערהוילונג פראגראמען (Office of Disaster Recovery Programs) דירעקט מיט בעאמטע פון די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור ( Federal Emergency Management Agency, FEMA) און מיט באטראפענע לאקאלע רעגירונגען צו אפשאצן די שאדנס וואס זענען פאראורזאכט געווארן דורך- און קאסטן פארבינדן מיט- די קאטאסטראפע. איינמאל די אפשאצונגען זענען פארטיג, גיבט FEMA ארויס א באשלוס אויב די סטעיט און באטראפענע קאונטיס קומען נאך די פארלאנגטע פעדעראלע באדינגונגען פון שאדנס כדי צו דעקלערט ווערן א מעידזשאר דיזעסטער.

די איבערבלייבענישן פון טראפּישע שטורעם דעבי האט געשאפן שווערע רעגנס פאראורזאכנדיג שטארקע פארפלייצונגען, ספעציעל אין די סאוטערן טיער, צענטראל ניו יארק, און די נארט קאונטרי. די נאציאנאלע וועטער סערוויס האט באאכטעט 5.38 אינטשעס פון רעגן אין וויניגער ווי 12 שעה אין סטויבען קאונטי און ווייטפארשפרייטע רעגן ראטעס פון "2-2.5 פער שעה דורכאויס פילע קאונטיס. דערצו, האט די נאציאנאלע וועטער סערוויס געלייגט א טאטאל פון 17 ניו יארק קאונטיס אונטער א פארפלייצונג וואטש, און א טראנאדא וואטש איז ארויסגעגעבן געווארן צו 26 קאונטיס. דורכאויס די צייט, זענען 20 פלוצלינגדיגע פארפלייצונג ווארענונגען געגעבן געווארן, אריינרעכענענדיג צוויי פלוצלינגדיגע פארפלייצונג עמערדשענסיס, וועלכע צייכענען אן א דראענדע געפאר צו לעבנס זיכערהייט.

די שטארקע רעגן און פארפלייצונג האבן באדייטנד געשעדיגט אדער פארניכטעט טראנספארטאציע סיסטעמען, קריטישע פובליק אינפראסטרוקטור און פריוואטע פראפערטי. מענטשן זענען עוואקואירט געווארן פון זייער הייזער און שעלטערס זענען אויפגעשטעלט געווארן דורך אמעריקאנע רויטע קרייץ און לאקאלע רעגירונגען. לאקאלע וועגן און בריקן זענען פולשטענדיג באדעקט געווארן אדער אויסגעוואשן געווארן דורכאויס די באטראפענע ערטער, וועלע וועלן נעמען וואכן אדער חדשים צו פאררעכטן. אין עטליכע ערטער איז די שאדן צו די גאסן געווען אזוי שווער אז ערשטע אפשאצונגען זענען געווארן אפגעשטופט. גלייכע ליניעס ווינטן און מיקראבורסט האבן אויסגעריסן גרויסעביימער און פאראורזאכט שאדן דורכאויס די באטראפענע קאונטיס. פילע גאסן זענען געווארן אוממעגליך דורכצוגיין צוליב די געפאלענע ביימער און ברוכווארג אדער סטרוקטורישע שאדן און פולשטענדיגע אויסוואשונגען. שטארקע רעגן האט אפגעוואשן שאלדערס, פאראורזאכנדיג קולווערטס זיך אויסצורייסן וואס האט געפירט צו ווייטפארשפרייטע פארפלייצונג צו גאסן און די ארומנעמענדע געגנטער. שטארקע ווינטן האבן אראפגעווארפן ביימער און געשעדיגט עלעקטריציטעט ליניעס וואס האבן פאראורזאכן ווייטפארשפרייטע קורצשלוסן.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס קאמישענער דשעקי ברעי האט געזאגט,** "העלפן געמיינדעס האבן צוטריט צו פעדעראלע פינאנצירונג וואס קומט זיך זיי איז א הויפט פריאריטעט פאר גאווארנער האקול. סטעיט אגענטורן זענען דארט געווען צו העלפן אונזער לאקאלע רעגירונג פארטנערס ענטפערן גלייך נאך די שטורעם, און די באטראפן דורך די שאדן פון די רעגן פארבינדן מיט די איבערבלייבענישן פון טראפּישע שטורעם דעבי נויטיגן זיך יעצט אין פעדעראלע הילף דורכצופירן שטארק-נויטיגע פאררעכטונג און לינדערונג ארבעט."

איידער די שטורעם, האט גאווערנער האקול דירעקטירט שטאטישע אגענטורן צו צוגרייטן עמערדזשענסי רעאקציע מאסנאמען און בלייבן אין שטענדיגע פארבינדונג מיט לאקאלע רעגירונגען צו אבאכטן וועטער ווירקונגען און ענטפערן געבעטן פאר הילף. נאך די שטורעמס, האט גאווארנער קעטי האקול געמאלדן גרענטס פון ביז צו $50,000 צו וועלן ערמעגליכט צו בארעכטיגטע היימאייגנטומערס אין אלעגאני, דעלאווער, פרענקלין, סטויבען און סט. לאווערנס קאונטיס צו אדרעסירן געזונט און זיכערהייט-פארבונדענע פאריכטונגען נישט געדעקט דורך אינשורנס אדער אנדערע דיזעסטער מילדערונג פראגראמען.

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערזשענסי סערוויסעס**
די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, און זיך ערהוילן פון טערארן און אנדערע מענטשליך-פאראורזאכטע און נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES פעיסבוק בלאט, פאלגט נאך NYSDHSES@ אויף טוויטער און אינסטאגראם, אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן